# די צאינה וראינה-אויסגאַבעס פֿון 1836 - 1871

ספרות דרוש ומוסר

גב' ח. טורניאַנסקי

דעם 30סטן אַפּריל 1968

דוד-הירש ראָסקעס

## א. די משׂכּילישע אויסגאַבעס

ד"ר שמערוק רעכנט אויס צוועלף אויסגאַבעס פֿון דער צאינה וראינה וואָס זענען אַרויס אין ווילנע פֿון 1836–1871. פֿון זיי האָט זיך אונדז אײַנגעגעבן צו געפֿינען און פֿאַרגלײַכן צען. ד"ר שמערוק פֿאַרצייכנט די ווילנער אויסגאַבע פֿון 1842 ווי די ערשטע משׂכּילישע אויסגאַבע, נאָר מיט אַ פֿרעגצייכן, ווײַל עס קען געמאָלט זײַן אַז צווישן 1836 און 1842 איז אַרויס אַן אַנדער אויסגאַבע מיט די משׂכּילישע תּקנות. אונדזער אַנאַליז האָט זיך באַגרענעצט צו פּרשת ויקרא. די בולטסטע ענדערונג אין דער פּרשה געהערט צו אַ פֿרײַערדיקער דאַטע ווײַל אויך אין ווילנע 1827 איז זי דאָ און דערצו אין אַלע שפּעטערדיקע אויסגאַבעס (אַ חוץ לעמבערג 1850). אַלע נוסחאות לאָזן אַרויס דעם ווײַטערדיקן פּאַראַגראַף:

> און די נבֿואה פֿון משה איז געווען אָפּגעטיילט פֿון די נבֿואה פֿון אַנדערע נבֿיאים מיט צוויי ערליי: דער מדרש שרײַבט דאָס ערשטע ווען אַנדערע נבֿיאים האָבן זאָלן זאָגן נבֿואה. דאָ האָט הקב"ה זײַן קול אין הימל אויף לאָזן גיין און אַ גאַנצן מלאך האָט דאָס זעלביג קול זעלבערט ניט געהערט פֿון הקב"ה נייערט דורך דעם מלאך. אָבער משה רבינו האָט דאָס קול זעלבערט געהערט פֿון הקב"ה. ער איז געווען אַן שטאָט מלאך. דאַרום שטייט געשריבן אין (וזאת הברכה: ולא קם נבֿיא עוד בישׂראל כּמשה) כּלומר ער וואַר בעסער בײַ דער נבֿואה. ער וואַר אַזוי באַלד ענטפֿערן הש"י אויף דער זעלביגי שטאָט. אָבער אַנדערע נבֿיאים וואַרן אַלס דערשראָקן און קונט ניט ענטפֿערן. די וואַרן פֿאַר מורא נידער פאלן ביז דאס זיך די שכינה האט פון די זעלביגן נביאים אָפּגעטאָן דאָ וואַרן זיי ערשט ענטפֿערן. דאָס צווייטע וואַר משה בעסער אַז אַנדערע נבֿיאים דען אַנדערע נבֿיאים האָבן געזען דורך פֿיל גהאָלקן און משה האָט הקב"ה געזען דורך אײנעם לויטערן וואָלקן גאַנץ נאָענט.

מיר נעמען אָן אַז אויבן דאָ איז פֿאָרגעקומען אַן אידעאָלאָגישע צענזור, געהערט זי צו אַ פֿרײַערדיקער תּקופֿה און ניט צום תּחום פֿון די משׂכּילישע און חסידישע אויסגאַבעס.

אַ חוץ סטיליסטישע אויסבעסערונגען אויף וועלכע מיר וועלן זיך ניט אָפּשטעלן באַשטייט די רעדאַקציע קודם-כּל פֿון צענזורירן כּלומרשט געשמאַקלאָזע שטעלן. ווי מיר וועלן זען ווערט דאָס פֿאַרשפּרייט סײַ צווישן די משׂכּילים, סײַ צווישן די חסידים. אַזוי אַרום בײַט מען אויס "און אײַן בהמה דאָס אײַן מענטש וואַר בײַ איר געלעגן אָדער מען האָט זי גענומען צו דער עכום"ז" (1836) אויף "אָבער ווען מען האָט זי גענומען צו דער עבֿודת כּוכבֿים" (1842) און די געשלעכטלעכע פֿאַרברעכן ווערט פֿאַרשוויגן. אין 1827 איז אַנשטאָט "עבֿודת כּוכבֿים" געשטאַנען "עבֿודה זרה". אויף דעם האָט זיך ד"ר שמערוק שוין אָפּגעשטעלט אין זײַן אַרבעט. אַן אַנדער שינוי וואָס העלפֿט "אויסאיידעלען" דעם טעקסט (און געהערט אויך צו אַ פֿרײַערדיקער רעדאַקציע):

| אלטער נוסח | 1842–1836–1827 |
|---|---|
| און דא יחזקאל האט געשטראפֿט ישׂראל אויף אירע אבֿירות דא זאגט ער: איז האט בלוט פֿארגאסן און האט פֿארשעמט מיין היליקייט | און דא יחזקאל האט געשטראפֿט ישׂראל אויף אירע אבֿירות, רעכנט ער פֿיל אבֿירות און |

| אַלטער נוסח | 1842-1836-1827 |
|---|---|
| און האט רכילות געטריבן און רבית האט<br>איר גענומען און מיך האט איר פֿאַרגעסן<br>און צום אַלער הינטערשטן... | צום אַלער הינטערשטן... |

זעען מיר, אַז וואָס שייך שינויים, איז די ערשטע משׂכּילישע אויסגאַבע פֿון 1842 ניט געווען זייער געוואַגט. די אויסגאַבע פֿון 1848 איז אידענטיש צו דער פֿריִערדיקער.

ערשט אין 1852 געפֿינען מיר נײַע שינויים. עס ווערט אַרויסגעלאָזט: "און אויך (ויקר) איז טײַטש אומריין פלומר צו אײַנעם רשע איז גלײַך אַז ווען ער זיך חס ושלום מטמא וואַר." איצט קומען מיר צו צו דער ערשט ער בולטער ענדערונג וואָס ווײַזט אָן קלאָר אויף א משׂכּילישן רעדאַקטאָר.

| 1848-1842-1836 | 1852 |
|---|---|
| ...טויבן און טערקל טויבן...דאָ<br>נעמען זיי קיין אנדערע נקבֿה זיי<br>בלײַבן שוין אָן א נקבֿה אזוי זיינען<br>אויך די ישׂראל זיי באהעפֿטן זיך צו<br>קיינעם גאָט נייערט צו הקב"ה אליין. | ...דא נעמען זיי קיין אנדערע<br>נקבֿה זיי בלײַבן שוין אָן א<br>נקבֿה אזוי זײַנען אויך די ישׂראל<br>זיי בלײַבן געטרײַ אין דער אמונה<br>די גאָט אויף דער באַרג סיני געגעבן האט... |

ווי קען מען פֿאַרגלײַכן דאָס באַהעפֿטן זיך פֿון צוויי טויבן מיט די באַצײלונגען פֿון בן-אדם למקום טאָמער הלילה דער המון וועט עס פֿאַרשטיין ווערטערלעך. ניטש אַנדערש ווי דורך אַן אַלעגאָרישן פירוש וועגן גאָט און באַרג סיני. ס׳איז אויך אינטערעסאַנט אַז ווו די משׂכּילים האָבן צוגעגעבן אַ וואָרט צי אַ פסוק צום טעקסט, קלינגט עס אין גאַנצן דײַטשמעריש ווי דאָ, מיטן ווערב צום סוף. אַן ענלעכע הוספֿה האָבן זיי געמאַכט אין דער פרשה: "דען בחיי אַנדערע געלעגנהייט געפֿינט מען..."

אין דער פרשה ווערט אַ סך גערעדט וועגן זנות און דאָס האָט זייער שאָקירט. אין דער מעשׂה וועגן די פֿאַלשע נבֿיאים האָט מען אַלץ געפרוווט כּדי צו אײַפֿימיזירן דעם טעקסט. אַנשטאָט "גאָט האָט געהייסן ליגן בײַ דיר צדקיה דעם נבֿיא" שטייט "גאָט האָט געהייסן דו זאָלסט נעמען צדקיה דעם נבֿיא." אַנשטאָט "דאָ קומט צדקיה און טרײַבט זנות" שטייט "דאָ קומט צדקיה און טרײַבט און ווירדיגע זאַכן מיט איר." אַנשטאָט "זיי זאָלן ליגן מיט אחאבֿ" – "זיי זאָלן נעמען אחאבֿ." די פֿראַזע "און ער טרײַבט אויך זנות מיט פֿיל שׂרות" ווערט ארויסגעלאָזט, און ווײַטער וועגן זנות: אַנשטאָט "עס וואַרן געטייט פֿיר און צוואַנציק טויזנט פֿון ישׂראל אין דער מדבר אין איין שעה פֿון וועגן זנות" שטייט "עס ווערן געטייט...פֿון דיזע עבֿירה" און לסוף, אַנשטאָט "דאָס אײַער גאָט וויל האָבן זנות" שטייט "דאָס אײַער גאָט וויל האָבן דיזן חטא."

ד"ר שמערוק שטעלט זיך אָפּ דער עיקר אויף די הערות וואָס ווערן צוגעגעבן אין ספֿר בראשית. אין דער אויסגאַבע פֿון 1852 פֿעלט שוין איינע פֿון די דרײַ הערות, נאָר ווי מיר זעען, איז דאָס ניט קיין סימן פֿון

אַן אָפגעשוואַכטער משׂכּילישער רעדאַקציע. פֿאַרקערט, די סובטילע פֿאָרמען פֿון רעדאַקציע ווערן וואָס אַ מאָל מער אַנטוויקלט בשעת די בולטע פֿאָרמען (פֿון די הערות) ווערן פֿאַרלאָזט אין גאַנצן. אין דער אויסגאַבע פֿון 1855 פֿאַרשווינדן די הערות אין גאַנצן, נאָר אָט די "שטילע" רעדאַקציע ווערט פֿאָרגעזעצט מיט אימפעט.

דורך איין וואָרט אין ווילנע 1855 האָבן די משׂכּילים באַוויזן צו פֿאַרטײַטשן אַלעגאָריש אַ מדרש וואָס האָט זיי אפנים געשטערט.– דער מדרש פֿון די וויינענדיקע וואַסערן (מים בוכים). ווו אין ווילנע 1852 שטייט געשריבן: "דאָ האָבן די אונטערשטע וואַסער אָנגעהויבן צו וויינען" האָבן זיי צוגעגעבן: "דאָ האָבן די אונטערשטע וואַסער גלײַכזאַם אָנגעהויבן צו וויינען". מיט אָט דעם ריין דײַטשישן וואָרט האָבן זיי געלייזט די פראָבלעם. ווײַטער אין 1855 האָבן זיי זיך באַמיט אַרויסצוּוואַרפֿן נאָך דערמאָנונגען פֿון זנות. "עס וואַרן זיי טרײַבן פֿיל זנות" ווערט "וואַרן זיי פֿיל זינדיקן"; "לסוף קומט צדקיה צו די ווײַב פֿון נבֿוכדנצר" ווערט "לסוף קומט צדקיה צו אײַן פלגש פֿון נבֿוכדנצר" און ווו. עס שטייט: "און הקב"ה ווערט שטראָפֿן די לײַט די דאָ פֿאַלש שווערן און די דאָ כישוף טוען און די דאָ זנות טרײַבן" ווערן באַזײַטיקט די ווערטער "און די דאָ כישוף טוען." אין דער נאָענסטער אויסגאַבע פֿון 1857 האָט מען ווידער פֿאַרביטן "וואַרן זיי טרײַבן פֿיל זנות" אויף "וואַרן זיי פֿיל זינדיקן". דער ווילנער נוסח פֿון 1858 איז אידענטיש צו דעם פֿון 1855 (דער חילוק צווישן אים און 1857 איז בלויז אינעם לעצטן פונקט וואָס מיר האָבן אָקאָרשט איצט פֿאַרצייכנט)

פלוצעם, אין 1863 פֿאַרשווינדן אַלע משׂכּילישע תקנות און מיר קערן זיך אום צום נוסח פֿון 1836. מיר קענען ניט זײַן אין גאַנצן זיכער אַז אָט די "רעאַקציע" האָט זיך אָנגעהויבן אין 1863 ווײַל מיר האָבן ניט געפֿונען די אויסגאַבעס פֿון 1860 און 1861. אָבער אויב מיר זענען גערעכט, איז פֿאַראַן אַ לאָגישע סיבה דערפֿאַר. ד"ר שמערוק באַמערקט אַז אין 1863 האָט זיך געענדיקט דער מאָנאָפאָל פֿון ראָמס דרוקערײַ אויף דער צו"ר. אין זעלבן יאָר איז אַרויס אין דעם ראָזענקראַנץ-פֿאַרלאַג אין ווילנע אַ צו"ר לויט דעם אַלטן נוסח. עס לייגט זיך אויפֿן שׂכל אַז די פֿאַרוואַלטערס פֿון ראָמס דרוקערײַ האָבן מורא געהאַט אַז ווי באַלד דער עולם וועט פֿאַרגלײַכן די צוויי ווילנער אויסגאַבעס וועט ער געפֿינען די "אומשולדיקע שינויים" וואָס זיי האָבן אײַנגעפֿירט אינעם טעקסט. כדי אויסצומײַדן אַזאַ זאַך האָבן זיי זיך אומגעקערט צום 1836-נוסח און האָבן אַרויסגעגעבן אַן אידענטישע צו"ר ווי זייערע קאָנקורענטן. אפֿילו אָרטאָגראַפֿיש האָט מען אָפגעשאַפֿן די פאָר (ניט-אויסגעהאַלטענע) אויסבעסערונגען וואָס זענען געוואָרן אָנגענומען אין די יאָרן ביז 1863. עס זעט אויס אַז אין דעם יאָר האָט זיך געענדיקט די פרשה פֿון די משׂכּילישע רעדאַקציעס. אין די 1870ער יאָרן האָט שוין ראָמס אָנגענומען דעם יוזיפֿאָווער נוסח.

### ב. די חסידישע אויסגאַבעס

אויסער ווילנע איז זייער נוסח געוואָרן פֿאַרשפּרייט גלײַך נאָך זײַן דערשײַנען אין יוזיפֿאָוו 1845. צו דער אַלגעמיינער כאַראַקטע-ריסטיק פֿון ד"ר שמערוק קענען מיר בלויז צוגעבן עטלעכע פּרטים. די שפּראַך ווערט באַרײַכערט מיט אַזעלכע העברעיִזמען ווי "חשובֿ" אַנשטאָט "קעסטלעך", "בעל גאווה" אַנשטאָט "גוותן", "עובֿר זײַן" אַנשטאָט "ניט האַלטן", "מקריבֿ זײַן" אַנשטאָט "ברענגען צו קרבן", "חייבֿ" אַנשטאָט "שולדיק" און פֿירט אײַן "מתוודה זײַן" און "מכפּר זײַן". ווו אין אַלטן נוסח שטייט "געקעלט און שטיל געוואָרן" שטייט דאָ "געקילט און געשטילט געוואָרן" און אין אַן אַנדער אָרט ווערט צוגעגעבן צום טעקסט: "דאָס איז ווײַל ענווה איז די בעסטע מדה". ס'איז קלאָר אַז דער רע-דאַקטאָר האָט געהאַט אַ ווונדערלעכן חוש פֿאַר דער פֿאָלקשפּראַך. ער האָט אויך מקפּיד געווען צו פֿאַרטײַטשן אַלע פּסוקים ווו די אַלטע אויסגאַבעס האָבן דאָס פֿאַזען. איין קליינע ענדערונג ווײַזט קלאָרער פֿאַר אַלץ אויף אַ חסידישער האַנט. עס רעדט זיך וועגן נדבֿ און אַבֿיהוא וועלכע האָבן שלעכט פֿאַרשטאַנען משהס רייד און עטלעכע מאָל שטייט געשריבן דאָס וואָרט "רבי". נאָר בײַם מוסר-השׂכּל שטייט אין אָריגינאַל: „איין מענטש זאָל ניט איין גוותן זײַן דאָס ער זאָל זיך הויך האַלטן ניט צו פֿרעגן זײַן רבֿ דער אין זײַן שטאָט איז" און אינעם יוזיפֿאָווער נוסח: "און אײַן מענטש זאָל זיך ניט הויך האַלטן ניט צו פֿרעגן דעם <u>רבי</u> פֿון זײַן שטאָט." מע קען טענהן אַז דאָס איז געמאַכט געוואָרן צוליב איינהייטלעכקייט (אַז איבעראַל זאָל שטייען "רבי"), נאָר פֿון דעסט וועגן האָט דאָס אַן אידעישן באַטײַט ווי אויך אַ סטיליסטישן.

די יוזיפֿאָווער אויסגאַבע ווערט איבערגעדרוקט עטלעכע מאָל אָן קיין שום שינויים: יוזיפֿאָוו 1847, זשיטאָמיר 1848, וואַרשע 1849 און יוזיפֿאָוו 1852. אין 1858 קומט אַרויס אַ נײַע אויפֿלאַגע אין יוזיפֿאָוו מיט די ערשטע סמנים פֿון "צענזור" אויפֿן מוסטער פֿון די משׂכּילישע אויסגאַבעס. ס'איז אינטערעסאַנט וואָס די חסידים האָבן זיך געקווענקלט איבער גענוי די זעלבע שטעלן וואָס האָבן שאָקירט די משׂכּילים. למשל:

| 1845 | 1858 |
| --- | --- |
| און איין בהמה וואָס איין מענטש איז ביי איר געלעגן אדער מען האט צו איר געדינט אדער זי האט מענטשן געטייט... | און איין בהמה וואס מען האט ביי איר געזינדיקט אדער זי האט מענטשן געטייט... |

די צענזור באַהאַנדלט ניט נאָר דאָס געשלעכטלעכע פֿאַרברעכן נאָר אויך דעם ענין פֿון עבֿודה-זרה. אויך בײַם מדרש פֿון די טויבן און די טערקל-טויבן קומט פֿאַר אַן "אויסבעסערונג":

<u>1845</u>

גאָט האָט געהייסן פֿון טויבן און
פֿון טערקל טויבן ברענגען איין
קרבן ווייל זיי באַהעפֿטן זיך נאָר
צו זייער נקבֿה אַזוי זענען ישׂראל

<u>1858</u>

גאָט האָט געהייסן פֿון טויבן און
פֿון טערקל טויבן ברענגען איין
קרבן ווייל זיי זענען זייער
בצניעות, אַזוי זענען ישׂראל...

מיט אַ יאָר שפּעטער איז אַרויס אַ נײַע אויפֿלאַגע אין דעם וואַרשעווער פֿאַרלאַג פֿון ש. לעבענזאָהן, איינעם פֿון די דערפֿאָלגרײַכסטע פֿאַרלאַגן אין דער שטאָט (פֿרידבערג, <u>תולדות הדפוס העברי בפולניה</u>, ז׳ 112). דער נוסח איז לויט יוזעפֿאָוו 1858, נאָר דאָ איז פֿאָרגעקומען אַן אומגעריכטע זאַך: אין דער פּרשה פֿעלן סײַ דער מדרש וועגן די ווײַנענדיקע וואַסערן, סײַ די גאַנצע מעשׂה וועגן די פֿאַלשע נבֿיאים! צי איז דאָס בלויז אַ צופֿאַל וואָס בענוי די צוויי אגדות האָבן געליטן אויך פֿון דער משׂכּילישער רעדאַקציע? ווו די ווילנער משׂכּילים האָבן געפּרוּווט "אויסבעסערן" דעם טעקסט, האָבן די וואַרשעווער רעדאַקטאָרן זיך מיישבֿ געווען אין גאַנצן אַרויסצוואַרפֿן די פּראָבלעמאַטישע שטעלן. דער לעמבערגער פֿאַרלאַג פֿון זיס און נעכעליס האָט אַרויסגעגעבן אַן אידענטישע אויפֿלאַגע אין 1863 און 1867. איינע פֿון די דרײַ אויסגאַבעס האָט זיך אפֿנים פֿאַרוואַלגערט קיין יוזעפֿאָוו ווײַל אין 1869 איז דאָרט אַרויס אַ נײַע אויפֿלאַגע מיט די זעלבע צענזורירטע טיילן. פֿאַר וואָס די יוזעפֿאָווער האָבן פּלוצעם באַשלאָסן צו ווערן אַזוי צניעותדיק ווייסן מיר ניט. אפֿשר האָבן זיי גאָר געוואָלט אַרויסגעבן אַ געקירצטן נוסח פֿונעם ספֿר און האָבן דעריבער אַרויסגעלאָזט אַלע "פּריקרע" טיילן. און אפֿילו אַזוי זענען זיי ניט געווען אין גאַנצן אויסגעהאַלטן, ווײַל אינעם נוסח פֿון 1869 ווערט ווידער דערמאָנט וועגן "איין בהמה וואָס איין מענטש איז בײַ איר געלעגן" כאָטש אין 1858 האָט מען די פֿראַזע איבערגעאַנדערשט.

אין 1865 זענען אַרויס צוויי ניט-צענזורירטע אויפֿלאַגעס פֿונעם טעקסט (לויטן יוזעפֿאָווער נוסח) אין פּ"ג באַלאַבאַן אין לעמבערג און אין טשערנאָוויץ; אין 1867 אינעם באַרימטן אָרגעלבראַנד-דרוקערײַ פֿון וואַרשע.

אויפֿן סמך פֿון איין פּרשה איז זייער שווער צו מאַכן אַלגעמיינע השערות. אַ ברייטערער אַנאַליז וואָלט אפֿשר אָנגעוויזן צי די חסידישע צענזור איז געווען אַ באַוווּסטזיניקער אָפּרוף אויף דער משׂכּילישער רעדאַקציע, צי עס ליגט דאָ באַגראָבן גאָר אַן אַנדער הונט. ניט האָבנדיק אין האַנט אַלע אויסגאַבעס פֿון דער תקופֿה קען מען ניט וויסן וועלכער פֿאַרלאַג האָט וואָס אײַנגעפֿירט און ווער האָט פֿון וועמען קאָפּירט. בדרך-כּלל קען מען זאָגן אַז אין די יאָרן 1836–1870 האָט געהערשט אַ טענדענץ בײַ אַלע אַרויסגעבערס צו "פֿאַראײדעלען" דעם טעקסט פֿון דער <u>צאינה וראינה</u>.